**געפינט אויס מער**

- ליינט וועגן Bokstart דא: www.bokstart.se
- אויב איר זענט באזארגט וועגן אייער קינד'ס שפראך אנטוויקלונג, פארבינדט זיך מיט אייער לאקאלע קינדער'ס העלט צענטער. איר קענט אויך איבערשמועסן אייער קינד'ס שפראך אנטוויקלונג מיט פרי-שולע שטאב.

**KULTURRÅDET**

די רעגירונג פארלאנגט פונעם שוועדישע קולטור קאנסעל *(Kulturradet)* צו מוטיגן ליינען און סטימולירן שפראך אנטוויקלונג אין קינדער. Bokstart איז א נאציאנעלע פראיעקט וואס צילט צו עלטערן און אנדערע ערוואקסענע וואס זענען נאנט מיט קינדער.

# אייער קינד'ס שפראך פון ארום זעקס מאנאטן אלט

**אביסל וועגן אייער קינד'ס שפראך פון ארום זעקס מאנאטן אלט**

- אייער קינד זוכט צו אנטדעקן די וועלט. האלט קאפ אויף וואס אייער קינד קוקט און שטעלט צו די ווערטער פאר דעם. זוכט צוזאמען. ווערט איבערראשט פון קליינע און גרויסע זאכן.
- אייער קינד שמועסט שוין מיט אייך דורך אויסדריקן, קלאנגען און רירן. ביז א קורצע צייט וועט אייער קינד אנהויבן זאגן קלאנגען וואס ענדלען צו ווערטער, צום ביישפיל טא-טא און דא-דא.,
- אייער קינד הויבט אן צוביסלעך צו פארשטיין שפריכווערטער אזוויי "געב א קוק" און ווערטער אזוויי *מאמי און טאטי.*
- אייער קינד האט ליב צו רעדן מיט אייך, שפילן 'פיק-א-בו' און שפילן אין וואס מען דארף זיך ריקן, צום ביישפיל קלאפן מיט די הענט, א.א.וו.

**רעדט וועגן אלעס**

- רעדט מיט אייער קינד איבער יעדע זאך וואס פאסירט און כאפט זייער אינטערעס. רעדט וועגן עסן, קליידער, וואס איר זעהט , און וואס אייער קינד טוט. הערט אויך אויס דעם קינד אז דאס קינד זאל וועלן אנהאלטן דעם געשפרעך. לאזט געגוג צייט פאר דעם.

**טיילט זיך אין און זאגט איבער**

זאגט איבער אייער קינד'ס קלאנגען. פראבירט צו אויסרעכענען וואס זיי מיינען צו זאגן און לייגט צו ווערטער דערפאר. ווארט ביז אייער קינד ענטפערט מיט א קלאנג אדער א ריר פאר איר גייט ווייטער. אייער קינד קען שוין לערנען צוווארטן פאר א רייער צו רעדן און קען פארשטיין די פארבינדונג צווישן ווערטער און אביעקטן.

**שפילט מיט שפראך**

זינגן ניגונים, גראמען, און שפילט שפילערייען וואס גייען מיט געזאנגן. נוצט פינגערס, הענט און פיס פאר אינטערעסאנטע קלאנגען, און האטס הנאה. גייט צום ביבליאָטעק (לייברערי) צו טרעפן ביכער, געזאנגן און מוזיק וואס איר קענט בארגן.

**שמועסט און ליינט הויעך צוזאמען**

ליינט צו אייער  און ווייזט מיטן פינגער וואו איר האלט. איר קענט זיי באקאנט מאכן מיט בילדער ביכער. ווייזט אויף בילדער און רעדט דערפון. באמערקט וואס אינטערעסירט אייער קינד. אין אנפאנג וועט דאס קינד נישט לאנג האלטן אינטערעס, אבער מיט די צייט וועט ער אדער זי קענען לענגער מיטהאלטן.

**רעדט אין אייער מאמע לשון**

רעדט, זינגט און שפילט אין אייער מאמע לשון. מערסטנס קינדער אין די וועלט לעבן אין מולטי-שפראך סביבות און עס איז גוט פאר קינדער צו אויפוואקסען מיט מער פון איין שפראך.

Bokstart

Jiddisch

**געפינט אויס מער**

- לייענט וועגן Bokstart דא: [www.bokstart.se](http://www.bokstart.se)
- אויב איר זענט באזארגט וועגן אייער קינד'ס שפראך אנטוויקלונג, פארבינדט זיך מיט אייער לאקאלע קינדער'ס העלט צענטער. איר קענט אויך איבערשמועסן אייער קינד'ס שפראך אנטוויקלונג מיט פרי-שולע שטאב.

**KULTURRÅDET**

די רעגירונג פארלאנגט פונעם שוועדישע קולטור קאנסעל *(Kulturradet)* צו מוטיגן ליינען און סטימולירן שפראך אנטוויקלונג אין קינדער. Bokstart איז א נאציאנעלע פראיעקט וואס צילט צו עלטערן און אנדערע ערוואקסענע וואס זענען נאנט מיט קינדער.

---

## אייער קינד'ס שפראך פון ארום איין יאר אלט

### אביסל וועגן אייער קינד'ס שפראך פון ארום איין יאר אלט

- אייער קינד נוצט סיגנאלן און קלאנגן צו קאמיוניקירן מיט אייך
- ערשטע ווערטער אויף ווערטער וואס האבן צו טוען מיט באקאנטע זאכן, ווי *באַל*, *בער*, און *קוק*.
- אייער קינד פארשטייט מער ווערטער ווי ער אדער זי קען זאגן אבער דארף אייער הילף צו פארטייטשן און באמערקן.

### פאלגט נאך אייער קינד'ס אינטערעסן

איר קענט נוצן אלעס וואס איר זעהט אין אייער טאג-טעגליכע לעבן צו אנטוויקלען אייער קינד'ס שפראך. געבט ווערטער פאר וואס אייער קינד זעהט יעצט. ווען אייער קינד זאגט "דע" און ציילט אויף א קאץ, קענט איר ענטפערן *"יא, עס איז א קאץ. האסטו ליב א קאץ?"* געדענקט צוווארטן פאר אייער קינד'ס אנטווארט.

### דייט אויפמערקזאם און הערט זיך צו

ווען איר געבט אייער קינד פערזענליכע אויפמערקזאמקייט, וועט אייער קינד פילן אז וואס ער אדער זי זאגט איז וויכטיג, צו אייער קינד זאגט א ווערט, ווייזט מיטן פינגער, אדער דרוקט עפעס אויס צו אייך.

### שפילט מיט שפראך

זינגן ניגונים, גראמען, און שפילט שפילערייען וואס גייען מיט געזאנגן. נוצט פינגערס, הענט און פיס פאר אינטערעסאנטע קלאנגען, און האטס הנאה.

### דייט שעפעריש און פארציילט מעשיות

פארציילט וואס אייער קינד'ס בערעלע טוט, אדער וואו דער באס גייט. רעדט וועגן בילדער פון קרובים און פריינט. אייער קינד דארף הערן נייע ווערטער עטליכע מאל און אין פארשידענע אומשטענדן.

### לייענט פשוט'ע בילדער ביכער

יעצט קענט איר אנהויבן צו נוצן פשוט'ע בילדער ביכער. צום ערשט וועט איר קוקן אויף די בילדער און ציגן אויף זיי צוזאמען. צום ערשט איז גרינגער ווען איר זאגט די מעשה אליין, אבער צוביסלעך קען אייער קינד צוהערן צו די ווערטער פונעם ביך. אייער ביבליאטעק קען אייך פארשלאגן וועלכע ביכער איר זאלט בארגן.

### רעדט אין אייער מאמע לשון

רעדט, זינגט און שפילט אין אייער מאמע לשון. מערסטנס קינדער אין די וועלט לעבן אין מולטי-שפראך סביבות און עס איז גוט פאר קינדער צו אויפוואקסן מיט מער פון איין שפראך.

Bokstart

Jiddisch

**געפינט אויס מער**

- לייענט וועגן Bokstart דא: www.bokstart.se
- אויב איר זענט באזארגט וועגן אייער קינד'ס שפּראך אנטוויקלונג, פאַרבינדט זיך מיט אייער לאקאלע קינדער'ס העלט צענטער. איר קענט אויך איבערשמועסן אייער קינד'ס שפּראך אנטוויקלונג מיט פרי-שולע שטאב.

KULTURRÅDET

די רעגירונג פארלאנגט פונעם שוועדישע קולטור קאנסעל *(Kulturradet)* צו מוטיגן לייענען און סטימולירן שפּראך אנטוויקלונג אין קינדער. Bokstart איז א נאציאנעלע פראיעקט וואס ציילט צו עלטערן און אנדערע ערוואקסענע וואס זענען נאנט מיט קינדער.

---

# אייער קינד'ס שפּראך פון ארום אכצן מאנאטן אלט

**אביסל וועגן אייער קינד'ס שפּראך פון ארום אכצן מאנאטן אלט**

- פיל קינדער אין די עלטער פארשטייען ארום 200 באקאנטע ווערטער.
- אייער קינד קען זאגן אפאר ווערטער, אבער עס קען מיינען אנדערע זאכן אין אנדערע אומשטענדן.
- טייל קינדער הויבן אן צו צאמשטעלן ווערטער ווי *מאמי קאך*, אדער *הינטעלע דארט.*

**רעדט אסאך צווישן זיך**

- רעדט איבער וואס איר טוט אין פארשידענע מצבים. זאגט פאר אייער קינד וואס פאסירט און געבט אים די ווערטער פאר וואס איר טוט צוזאמען. הערט זיך צו צו וואס אייער קינד טראכט און געבט אסאך צייט פאר דעם.

**באשטעטיגט און בויעט אויף וואס אייער קינד זאגט**

ווען איר נוצט אייער קינד'ס אייגענע ווערטער און לייגט צו נייע, העלפט איר אייער קינד אנטוויקלען זיין אדער איר שפּראך. אויב אייער קינד זאגט *נאמנאם*, קענט איר זאגן, "יא, דאס איז עסן, און יעצט וועלן מיר עסן." אויב אייער קינד זאגט *טאץ* אנשטאט *קאץ*, איז עס נארמאל פאר דעם עלטער. פאררעכט נישט דעם קינד, אבער איר זאלט נוצן די ווארט *קאץ* אז אייער קינד זאל הערן וואס דאס ווארט וואלט געדארפט זיין.

**רעדט און לייענט הויעך צוזאמען**

קינדער האבן הנאה פון פיל אנדערע ביכער איבער וואס איר קענט שמועסן צוזאמען. פרעגט פראגעס איבער געשעענישן אין די ביכער וואס קענען זיין פארבינדן מיט אייער קינד'ס ערפארונגען. *וואס מיינסטו...? געדענקסטו...?*

**רעדט אין אייער מאמע לשון**

רעדט, זינגט און שפילט אין אייער מאמע לשון. מערסטנס קינדער אין די וועלט לעבן אין מולטי-שפּראך סביבות און עס איז גוט פאר קינדער צו אויפוואקסן מיט מער פון איין שפּראך.

Bokstart

Jiddisch

**געפינט אויס מער**

- לייענט וועגן Bokstart דא: www.bokstart.se
- אויב איר זענט באזארגט וועגן אייער קינד'ס שפראך אנטוויקלונג, פארבינדט זיך מיט אייער לאקאלע קינדער'ס העלט צענטער. איר קענט אויך איבערשמועסן אייער קינד'ס שפראך אנטוויקלונג מיט פרי-שולע שטאב.

**KULTUR**RÅDET

די רעגירונג פארלאנגט פונעם שוועדישע קולטור קאנסעל *(Kulturradet)* צו מוטיגן לייענען און סטימולירן שפראך אנטוויקלונג אין קינדער. Bokstart איז א נאציאנעלע פראיעקט וואס צילט צו עלטערן און אנדערע ערוואקסענע וואס זענען נאנט מיט קינדער.

## אייער קינד'ס שפראך פון ארום דריי יאר אלט

**אביסל וועגן אייער קינד'ס שפראך פון ארום דריי יאר אלט**

- פיל קינדער פארשטייען שוין יעצט הונדערטע ווערטער. זיי קענען צאמשטעלן ווערטער צו מאכן זאצן און הויבן אן צו האבן קורצע געשפרעכן.
- אייער קינד וועט פרעגן אומצאליגע פראגעס און הויבט אן צו פארשטיין וויאזוי צו נוצן ווערטער און קען שפילן מיט זיי.
- אייער קינד הויבט אן צו רעדן וועגן זאכן וואס ער אדער זי האט בייגעוואוינט, און האט ליב צו הערן ווען איר פארציילט זאכן וואס האבן פאסירט.

**ווערט באקאנט מיט בוכשטאבן און ווערטער**

אין די פרי-שולע עלטער זענען פיל קינדער נייגעריג וועגן בוכשטאבן און ווערטער. לייענט און ציינט אויף טאוולן און פעקלעך אין וואס אייער קינד ווייזט ארויס אינטערעסע. געפינט אויס צוזאמען איבער כאראקטערס און סימבאלן ארום אייך, און זאגט פאר אייער קינד וואס עס מיינט.

**ערקלערט נייע ווערטער**

עס איז גוט צו נוצן נייע ווערטער פאר זאכן וואס פאסירן און וואס איר זעהט אין אייער טעגליכע לעבן. ערקלערט ווערטער וואס אייער קינד פארשטייט נישט. *און ים איז אזוויי א טייך אבער אסאך גרעסער. אדער ווען מיר גייען צום ברעג, שווימען מיר אין די ים.*

**שמועסט**

רעדט וועגן זאכן וואס פאסירן דורכאויס דעם טאג. פאלגט נאך אויף זאכן וואס איר האט געזען אדער געהערט אייער קינד טוען אין פרי-שולע, און בעט אייער קינד צו דערציילן מער איבער זיי.
מערסטנס דריי-יעריגע קינדער קענען נישט ארויסזאגן אלע ווערטער אזוויי ערוואקסענע. ווען איר הערט א ווארט וואס דערהערט זיך אנדערש, זאגט עס ארויס ריכטיג. מיט די צייט וועט אייער קינד עס אויך זאגן ריכטיג.

**לייענט צוזאמען**

מאכט עס א געוואוינהייט צו לייענען אביסל יעדן טאג. פיל קינדער האבן א באליבטע ביכל וואס זיי ווילן לייענען נאכאמאל און נאכאמאל. בילדער ביכער קענען יעצט פארציילן מער קאמפליצירטע מעשיות, אבער רעדן און לייענען הויעך איז נאכאלס די בעסטע וועג.

הויבט אן א געשפרעך איבער די טעמעס פון וואס די ביכל רעדט זיך און מוטיגט אייער קינד צו פרעגן פראגעס דערוויייל וואס איר לייענט. ווען אייער קינד פרעגט עפעס, הערט אויף צו לייענען, הערט אויס, און טראכט וועגן דעם צוזאמען.

געדענקט אז שפילן איז די וועג וואס קינדער לערנען. קינדער האבן נאכאלס הנאה פון גראמען, לידער און געזאנגען. לייענען ביכער איז די בעסטע וועג צו לערנען נייע ווערטער.

**רעדט אין אייער מאמע לשון**

רעדט, זינגט און שפילט אין אייער מאמע לשון. מערסטנס קינדער אין די וועלט לעבן אין מולטי-שפראך סביבות און עס איז גוט פאר קינדער צו אויפוואקסען מיט מער פון איין שפראך.

Bokstart